# יודישע ליטעראטור

ב. פייגענבוים.

# צו וואס טויג טהעאטער

פרייז 3 סענט.

HEBREW PUBLISHING COMPANY,
83-85-87 Canal Street, New York.
1909

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY

512

ב. פייגענבוים.

# צו וואס טויג טהעאטער.

HEBREW PUBLISHING COMPANY,
83-85-87 Canal Street, New York.
1909.

Digitized by the Internet Archive
in 2016 with funding from
Boston Public Library

https://archive.org/details/tsuosoygheaer00feig

# צו וואס טויג טהעאַטער.

## 1. פע, טרייאַטער...

אלטוועלטינע אידען האלטען ניט פון טהעאטער. ניט האַלטען איז אבער נאך וויינינ: זיי שפייען דארויף. זיי בעטראכטען טהעאטער פאר א מיאוס'ע זאך און דעם וואס גייט אהין — אזוי וויא איינעם וואס נייט וואו עס איז נים שיין צו זאָגען...... בעהיט זאָל מען ווערען מען זאָל אין דיא אלטע וועלט כאפען א יונגען מאן פון גוטע פרומע עלטערן גיין אין א טהעאטער! ער וועט ניט זיין זיכער מיט'ן לעבען. דער טאטע וועט זיך קריעה רייסען און שבעה זיצען נאך איהם, אזוי וויא ער וואלט זיך גע'שמד'ט, רחמנא לצלן.

איך געדענק נאך וויא איך האב געציטטערט אימת מות ווען איך האב מיך מיט א יאָהר צוואנציג צוריק אין דער היים דאס ערשטע מאָל אריינגע'גנב'עט אין טהעאטער אריין: איך האב מיך געשעממט, אזוי וויא איך וואָלט א גנבה געטהאָן; איך האב מיר אראָבגערוקט דאס היטעל איבער דיא אויגען, מען זאל מיך ניט חלילה דערקענען; איך האב מיך בעהאלטען אין א ווינקעל; דעם גאנצען אבענד האט מיר דאס הארץ געקלאפט, אזוי וויא ביי א גנב, וואס ציטטערט מען זאָל איהם ניט כאפען ביי דער האנד; ווען דיא פאָרהאנג האט זיך נאך דיא לעצטע אקט אראָבגעלאָזט, בין איך אנטלאָפען, וויא פון א בראנד, און דערנאך האָב איך א לאנגע צייט מורא געהאט צו קוקען מיינע פרומע „איינענע" און בעקאנטע גלייך אין דיא אויגען אריין, ווייל עס האט זיך מיר עפעס געדאכט, אז דיא שרעקליכע עברה שטייט מיר אויפ'ן שטערן. עס האט אויף מיר „געברענט דאָס היטעל"......

דער נייער דור, בעזאָנדערס דא, אין אמעריקא, האט שוין לאנג פערגעסען דיא נארישע מורא און פעראכטונג פאר'ן טהעאטער; אבער דיא מיינונג וועגען דעם, וואָס'אַר'א מין פערגניגען דאָס טהעאטער איז, האט דער רוב פון פראָסטען עולם אפילו פון היינטיגען דור, אפילו דא אין אמעריקא, דיא איינענע וואס אונזערע גוטע

פרומע עלטערן, דיא כשר'ע גאָטס קיהעלעך, האָבען נעהאט אין דער היים. דיא נפקא מינה איז ניט מעהר, וואס אונזערע עלטערן האבען געהאלטען אזא פערגניגען פאר א פאסקודנע זאך, וואס א לייטישער מענש דארף זיך צו שעמען זיך דאס נאכצוגעבען, און דער היינטיגער דור פרעגט ניט נאך דעם און לאָזט זיך וואוילגיין מיט דעם „פאסקודנעם" פערגניגען.

און איך זאָג אייך, אז ווען עס וואָלט אמת געווען, אז דאס פערגניגען וואס מען האט פון גיין אין טהעאטער איז פון דעם פאסקודנעם סאָרט תאות, וויא אונזערע פארצייטיגע עלטערן און וויא דער גרעסטער טייל פון דעם היינטוועלטיגען פראסטען עולם האלטען דאָס, זיינען שוין דיא פארצייטיגע מיט זייער פיינט האבען דאס טהעאטער טויזענד מאָל מעהר גערעכט, וויא דיא היינטוועלטיגע מיט זייער גיין אין טהעאטער.

באלד וועל איך אייך דאס בעווייזען. פריהער אבער מוז איך אייך ערקלערען, פאר וואָס'ארא מין תענוג דיא פארצייטיגע פרומאקעס און היינט־וועלטיגע פראס־טאקעס האלטען דאס טהעאטער.

## 2. ניעדעריגע און אידעלע פערגניגענס.

מיינט ניט, אז א פערצייטיגער פרומאק האלט אין טהעאטער גיין פאר אזא פאסקודנע טרפנה'נע זאך דערפאר, וואס ער האלט איבערהויפט יעדען ארט הנאה האבען פון „עולם הזה" פאר טרפה. דאָס הייבט זיך גאר ניט אָן. דער פרומאק זאָגט אפילו, אז נאכגיין „תאות עולם הזה" איז אין יעדען פאל ניט פאר א'ן אידעלען מענשען; אבער דאך איז דאָס ניט מעהר וויא געזאָגט. עס ווענדט זיך וועלכער מין הנאה פון „עולם הזה". ווזן דער פרומער איד האט הנאה פון דיא שיינע אויפגעראמטע שטוב בכּח צום סדר, פון דיא שניי־ווייסע טישטיכער, פון דעם שיין פון דיא יום־טוב־ליכט פון דיא פיינע קניידלעך און דעם וויין און פון דעם גאנצען יום־טוב'דיגען סדר, איז דאס אויך ניט קיין הנאה פון „עולם הבא". ער פיהלט טאקי אין דעם „טעם גן עדן", אבער אין אמת'ן האט דאָ הנאה דאס אויג פון שיינע זאכען, דער גוימען פון גוטע מאכלים און משקאות און דער גאנצער לעבעדיגער בשר ודם פון זאכען, וואס נאר א לעבעדיגער בשר ודם קען דערפון הנאה האָבען. „מען מיינט ניט דיא הגדה נאר דיא קניידלעך"..... און פון דעסטוועגען פיהלט נאר ניט זיין פרומער גייסט, אז מיט האבען אזא הנאה ליינט זיך זיין נשמה אריין אין בלאָטע פון פאסקודנע תאוות עולם הזה". אדרבה, ער פיהלט נאָר ביי אזא פערגניגען זיין גייסט אויפגעהויבען, זיין געפיהל געאדעלט.

דאָך, ביי אנדערע מינים פערגניגען פיהלט ער יא עפּעס א מין ערנידערינונג, עפּעס אזוי וויא זיין נשמה דיא גרויסע יחסנ׳טע, פון גילדערנעם פּאָהן, וואָלט זיך אריינגעלייגט שכור׳ערהייט אין רינשטאָק אריין.

און דאָ ווידער מיינט ניט, אז דאס פיהלט ער אזוי, ווייל ער איז פאנאטיש; ניין, דיעזעס געפיהל איז אין גרונד א גאנץ ריכטיגעס און נאטירליכעס; א פריזינ־ניגער מענש, ווען ער איז נאָר ניט קיין פּראָסטאַק, פיהלט אויך דאס איינענע; עס איז ביי זיי נאָר א נפקא מינה אין דעם מאנטעל, וואס דאס געפיהל פון פעראכטונג צו אזא מין פערגניגען טהוט אָן: ביי דעם פרומאק טהוט דאס געפיהל אָן א מאנטעל פון בושה פאר דעם „בורא“, און ביי דער פריזינניגען ארענטליכען מענשען — א מאנטעל פון בושה פאר זיך אליין.

וואס־זשע איז דאָ דער נפקד מינה צווישען אזא מין „תענוג עולם הזה“, וואס אדעלט, און אזא מין, וואס לייגט אין בלאָטע אריין?

דאָ זיינען מיר צוגעקומען צו א וויכטיגען ענין, וואס פאָדערט אריינצוגיין אין א שטיקעל חקירה. אָבער דער לעזער דארף זיך פון דעסטוועגען ניט אָבשרעקען: איך וועל זיך סטארען מסביר צו זיין דיא חקירה אזוי גרינג וויא מעגליך, אז דער לעזער זאָל זיך ניט ברויכען שטארק צו ברעכען דעם קאָפּ דאס צו בענעהמען.

* * *

קודם לאָמיר זעהען, וואס הייסט פערגניגען איבערהויפּט.

פערגניגען הייסט אזא צושטאנד פון געפיהל, ביי וועלכען דאס הארץ קלאַפּט לעבעדיג און אנגענעהם, דאס בלוט לויפט האסטיג אין דיא אָדערן אויף א מחיה־דיגען אופן, דיא נערוועז ארבייטען לוסטיג און אויפגעערענט, — מיט איין וואָרט, ווען דער גייסט ווערט אויפגעוועקט פון דיא שלעפרינקייט, אין וועלכע ער געפינט זיך אין דעם אלטעגליכען לעבען, אין דיא צוגעגעסענע וואָכעדיגע בעשעפטיגונגען, און דיא נשמה ווערט שטארק לעבעדיג.

אלץ וואס לעבט וויל לעבען; ביי דעם מענש אָבער איז דאס געוויינליכע וואָכעדיגע לעבען פון אלע טאג קיין לעבען ניט. דאס ווערט איהם צוגעגעסען, זיין גייסט ווערט דערביי פערגליווערט, פערשלאָפען, און זיין לוסט צו לעבען פאָדערט דעריבער אלע מאל עפּעס, וואס זאָל שטארק אויפוועקען זיינע געפיהלע, וואס זאָל איהם מאכען פיהלען אז עס לעבט זיך. ווען ער האט דאס, האט ער פערגניגען.

אזא „אויפוועקונג פון דיא געפיהלען“ איז פאר זיך אליין ביי קיינעם געוויס ניט קיין מיאוס׳ע זאך, אדרבה, אפילו ווען דער טיעף פערגעטטערטער ערנסטער

פרומאק פערטיעפט זיך אין „עולומות העליונים“ און האט דערביי דיא הייליגע פרייד, וואס מאכט דעם ערנסטען חסיד טאנצען א האפקע און דעם ערנסטען „סאלווייטאן ארמיי“ניק טראסקען אין פייקיל אריין און אונטערשפרינגען „הללויה“ — אפילו דערביי האט אזא פרומאק אין אמת'ן ניט מעהר וויא תענוג עולם הזה, כאטש ער וויס דאס ניט און רעדט זיך איין, אז ער האט תענוג „עולם הבא“. ער איז נאר דערביי אזוי לוסטיג, פשוט ווייל זיינע בשרודם'דיגע געפיהלען זיינען אויפגערעגט פון דיא צופלאמטע פאנטאזיע, ווייל זיינע נערווען ארבייטען דערביי שטארק און זיין בלוט זידט האסטיג.

אבער „אויפוועקען דיא געפיהלען“ קען מען אויף צווייערליי ארטען, און אין דעם ווענדט זיך, אויב א פערגניגען איז אדעל אדער געמיין.

דער מענש איז נעמליך אזוי וויא צוויי בעשעפעניסען, ער האט אין זיך, וויא דער גלויבינער דריקט זיך אויס, א „יצר הרע“ מיט א „יצר טוב“, א „נפש הבהמית“ מיט א „נשמה עליונה“, אדער מיט פראסטע חוקים'דיגע ווערטער צו רעדען: ער איז האלב בהמה האלב מענש.

אזוי וויט וויא דער מענש איז כתם א לעבעדיגע זאך, וואס עסט און טרינקט און שלאפט און „בעהעפט“ זיך מיט דעם אנדערן געשלעכט, איז ער ניט מעהר וויא א'ן אקס, כאטש ער גייט אויף צוויי פיס. וואס אבער עס מאכט דעם מענשען זיין עפעס אנדערש וויא א'ן אקס, איז זיין קראפט צו טראכטען און צו פיהלען וואס א'ן אקס פיהלט ניט.

מען קען אלזא דעם מענשענס געפיהלען צוטיילען אין צוויי מינים: אין בהמה'וואטע און מענשליכע. דער געפיהל צו וועלען עסען אבי זאט ווערען, איז א בהמה־וואטער; דער געפיהל צו וועלען הנאה האבען פון געשמאקע מאכלים איז שוין א מענשליכער. דער געפיהל צו וועלען זיין מיט דעם אנדערן געשלעכט אבי צוצורייצען דיא תאוה, איז א בהמה'וואטער; דער געפיהל פון ליעבע צו דעם אנדערן געשלעכט אלס א מענש — צו זיין, אדער איהר כאראקטער, גייסט און פערשטאנד, איז א מענשליכער. דער געפיהל פון הנאה פון טראסען געשמאקע משקה, אויף וועלכע נאר דער איידעלער מענשליכער געשמאק קען זיין א מבין, איז א מענשליכער; דער געפיהל פון הנאה פון זויפען אבי וועלכע משקה עס איז, אבי דאס בלוט ווערט דערביי נאר צוקאכט, איז א בהמה'וואטער.

און אזוי זיינען אייך דא פערגניגענס, וואס זיינען בהמה'וואטע און פערגניגענס וואס זיינען מענשליכע. לויט דעם וואס מיר האבען געזאגט, אז פערגניגען האבען הייסט אויפוועקען דיא געפיהלען אויף א'ן אנגענעהמען אופן הייסט דאס אזוי: מען

קען אויפוועקען דיא געפיהלען אויף אזא אופן, אז דיא בהמה אין דעם מענשען זאל זיך דערבייא „צובריקעווען", און מען קען אויפוועקען דיא געפיהלען אויף אזא אופן, אז דער מענש אין דעם מענשען זאל ווערען לעבעדיג.

און וואס פאר א שרעקליכער אונטערשיעד איז צווישען דיעזע צוויי מינים פערגניגענס!

ווען דער מענש מאכט זיך פערגניגען מיט דעם וואס ער וועקט אויף זיינע געפיהלען אויף אזא אופן, דאס דיא בהמה צובריקעוועט זיך אין איהם, ווערט ער אויס מענש. ער פערלירט דיא הערשונג פון זיין מענשליכען געפיהל איבער זיך. ער ווייסט ניט מעהר אויף וועלכער וועלט ער איז. ער ווערט גראָב, וויא א שוויין; ער קען טהון דיא מיאוסעסטע זאך, וואס זאל איהם מאכען, אז א'ן איידעלער מענש זאל ניט קענען קוקען אויף איהם, און ער פיהלט גאר ניט וויא מיאוס דאס איז; ער קען יענעם דערבייא טהון דיא גרעסטע עולה, און זיין געוויסען וועט דאס גאר א טשעפּ נים טהוען; ער קען זיך אליין לייגען אין דרערד אריין, זיך קראנק מאכען, איבער־פיזרען זיין קאריערע. פערטאכלעווען זיין תכלית; זיין דענקונגס־קראפט ווערט דערבייא טעמפּיג, זיין געפיהל פערהארטעוועט, און זיין מענשליכקייט נייט אלץ טיעפער און טיעפער אראָב און אין דיא שמוציגע בלאָטע פון בהמה'שקייט.

וויא גאנץ אנדערש איז דאס אָבער, ווען דער מענש מאכט זיך פערגניגען מיט דעם וואס ער וועקט אויף זיינע געפילען אויף אזא אופן, אז דער „מענש" ווערט אין איהם לעבעדיג! דאָ איז פונקט פערקעהרט: זיין פרייד איז א געלאסענע, אונשולדיגע; זיין דענקונגס־קראפט ווערט דערבייא נאך פיינער אויסגעשארפט; זיין מענשליכע איידעלקייט ווערט נאך מעהר אויסגעפיינערט. ער פערלירט זיך ניט אין זיין פערגניגען; ער געדענקט דערבייא גוט וואו ער איז אין דער וועלט; ער ווערט דערבייא נאך גוט הארציגער, פיינער, געפיהלפאָלער, געזעצטער און זיין גייסט הייבט זיך דערבי ארויף העכער, העכער, צו דיא העכסטע מדרגה, ניט פון „געטליכקייט", אבער פון אמת'ע מענשליכקייט.

דער מענש, וואס געדענקט נאך וועניגסטענס זיך צו שעמען פאר זיך אליין, ווען ער לאָזט זיך אריין אין בהמה'שע גראָבע תענוגים, איז נאך ניט אין גאנצען פערלוירען; דיא בושה אליין איז נאך מענשליכעס אין איהם. וויה איז אבער צו דעם מענשען, וואס האט שוין דיא בושה אויך ניט! איהם פאסט שוין ניט דער נאמען מענש; ער איז א'ן אָקס אויף צוויי פיס און זיין „פערגניגען" האט אין אמת'ן קיין שום האפט ניט, זיין לעבען איז קיין לעבען ניט.

אזוי וויא א מעסער, ווען עס איז שארף, קען עס אריינשניידען טיעף אין יעדעס

זאך אריין, אזוי יען דער מענש, וואס זיינע איידעלע מענשליכע געפיהלע זיינען פיין אויסגעשארפט, אריינגייין מיט זיינע געפיהלע טיעף, טיעף אין אלעס וואס ער זעהט ארער הערט, און פאר איהם איז דעריבער אָפען א וועלט, א׳ן אונענדליכע וועלט מיט איידעלע זאכען און פיינע תענוגים, וועלכע זיינען פאר דעם גראָבען געפיהל און גע-שמאק געשלאָסען.

ווער בעדויערט ניט א בלינדען, פאר וואס עס פעהלט איהם דער חוש צו זעהען דיא זיסע, שיינע ליכטיגע וועלט? א טויבען — פאר וואס איהם פעהלט דיא מעגליכקייט צו הערען דיא זיסע ליבליכע זאכען פון דער וועלט? — נאָך פיעל מעהר אבער איז צו בעדויערען דעם מענשען מיט א פערגרעבטען געפיהל, זין און געשמאק: ער איז נאך בלינדער וויא דער בלינדער און טויבער וויא דער טויבער, דען דיא וועלט מיט בעגריפע און געפיהלען, וואס זיין גראָבקייט קען בעגעהמען, איז זעהר א׳ן ענגע; דאס איידעלסטע, דאס העכסטע, דאס זיסעסטע, דאס בעסטע פון דער וועלט איז פיר איהם פינסטער, שטום. תוהו ובוהו, וויא דיא זיכטבארע וועלט פאר דעם בלינדען און דיא הערבארע פאר דעם טויבען.

אָט דעריבער איז גראָבע בהמה׳שע פערגנינגען ביי דעם פיינערען מענשען מיט רעכט פעראכטעט; און פון דעם שטאמט דאס אויך, וואָס דער ערנסטער פרומאַס האלט „תאוות עולם הזה" — מיט וועלכע ער מיינט אין גרונד אזעלכע בהמה׳שע תאוות — פאר א פּאסקודנע זאך.

* * *

אצינד לאָמיר־זשע זעהען, פון וועלכען מין פון דיא צוויי מינים פערגנינגען איז טהעאטער?

## 3. דאס פערגניגען פון טהעאַטער.

דער פּארצייטינער פרומאַק האט געהאלטען אין טהעאטער־גיין פאר א פּאס-קודנע זאך, ווייל ער האט פון דעם פערגנינגען פון טהעאטער ניט מעהר פערשטאנען, וויא אז דאס איז א׳ן אויפרעגונג פון דיא בהמה׳שע תאווה. דער היינט־וועלטינער פּראָסטאַק פערשטייט אבער דאס רוב אויך ניט פיעל מעהר דערפון; און די טהע-אטער, וואס מיינען ניט מעהר, וויא אויסצונעהמען ביי אזעלכע פּראָסטאַקעס און זיי צוציהען, געבען זיי טאקי ניט קיין סך מעהר וויא אזא עקעלהאפטען גראָבען מין „פערגנינען"; און אזוי וויט איז אונז דיא מיינונג פון דיא אלט־וועלטינע פרומאַקעס וועגען טהעאטער טויזענד מאל ליעבער, וויא דיא מיינונג פון דיא היינט־וועלטינע פּראָסטאַקעס.

א טהעאטער וואס ציהט ניט מעהר וויא מיט גראָבע עזות'קייט, מיט ארויס־ווייזען אזעלכעס וואָס וועקט אויף דיא ניעדעריגסטע תאוות, און מיט אויפפיהרען אזעלכע טראסקעדיגע זאכען, וועלכע רייצען ניט מעהר אויף וויא דיא אָקסעוואטע אויגענגלאצעניס פון נייגיעריגקייט און פון ווילדע בעוואונדערונג, „וואָס'אר'א בייזע גבורה דאס האָט" — אזא טהעאטער איז ווירקליך א שמוציגער זומפּף, אין וועלכען דיא גייסטער פון זייני בעזוכער ווערען אלץ טיעפער און טיעפער פערזונקען.

אָבער ניט דאס הייסט טהעאטער. טהעאטער איז אין אמת'ן א בית המקדש פאר'ן מענשען, — און ניט וויא מאנכע מיינען, „ווייל מען לערנט דאָרטען מוסר", נאָר טאקי פּשוט, ווייל מען האט דאָרטען דעם איידעלסטען, ערהייבענדסטען מין תענוג, דעם העכסטען פון דעם אויבען־בעשריטבענעם איידעלען סאָרט.

דער תענוג וואס מען האט אין טהעאטער, געהער ב כ ל ל צו דעם מין תענוג פון ש י י נ ה י י ט; דיא טהעאטער־שפּיעלקונסט (דראמאטישע קונסט) איז איינע פון דיא „ש י י נ ע קונסטען", וועלכע געבען א'ן ע ס ט ע ט י ש ע ן (שיינהייט־ליכען) גענוס. און דיעזער גענוס איז א'ן אדעלער און בעשאפט אין דעם מענשען דיא איינענשאפט צו קענען ווערען גוט, מאָראליש, אָרענטליך, פערשטענדיג, אפילו ווען דאס לערנט איהם ד י ר ע ק ט קיין שום מאָראל, קיין מוסר און קיין קענטניס ניט.

איידער איך גיי דאס בעווייזען, מוז איך פריהער ערקלערען וואס איז א'ן עס־טעטישער תענוג? אָבער דאס קען מען מיט ווערטער שווער ערקלערען. דער וואס האט אין זיך דיא איינענשאפט דאס צו פיהלען, פיהלט עס אלייז אָהן א'ן ערקלערונג, דער וואָס האט דאס אין זיך ניט, וועט קיין ערקלערונג ניט לייכט פערשטיין, אזוי וויא דער געבוירענער בלינדער וועט ניט פערשטיין ווען מיר ווען איהם מיט ווערטער ערקלערען וואס עס איז רויט, בלוי, גרין, ווייס. אפשר וועלען דיעזע עטליכע ווערטער געבען א שטיקעל בעגריף, וואס דער עונג פון שיינהייט איז:

א זאך וואָס איז זעהר פּינקטליך רעגעלמעסיג, וואָס אלץ איז אין איהר גוט געפּאסט, אין א פיינע פּראָפּאָרציע, וואס אלע קלייניגקייטען אין איהר פערהאלטען זיך איינע צו דיא אנדערע אין א פּינקטליכע הארמאָניע, רופט דער מענש אָן ש י י ן. וואָס גענויער עס איז דיא פּינקטליכקייט, דיא הארמאָניע, דיא געפּאסטקייט, דיא רעגעלמעסיגקייט, אלץ שענער, אלץ הערליכער, אלץ גראַציעזער איז דיא זאך. און צו זעהען אָדער צו הערען אזא שיינע זאך איז אזא זיסער תענוג, אזא גן־עדן'דיגער געשמאק, וואס נאָר א פּאָעט קען מיט ווערטער אויסדריקען. דיעזען געשמאק האט מען פון זעהען שיינע זאכען פון דער נאטור, שיינע מענשען, א שיינעם קעהר פון א

מענש, א שיינע אָרענטליכע אויפפיהרונג פון א מענש; דעם איינענעם סאָרט טעם נ׳עדן פיהלט מען פון הערליכע הארמאָנישע מוזיק, וואָס איהרע טענער גיסען זיך אוים אין פינקטליכע, געפאסטע, הארמאָנישע אקקאָרדען; דעם זעלבען מין פער־גענינגען האט מען פון בעטראכטען א מייסטער־שטיק פון קינסטלער־ארבייט, אין וועלכע מען זעהט, וויא דער קינסטלער האט אזוי גענוי און פינקטליך נאכגעמאכט (סיי אויף א׳ן אויסשניצטעס בילד, סיי אויף א געמאָלטעס) יעדעס ברעקעלע וואָס דארף צוהעלפען אין אונז אויפצרועסען דעם איינדרוק וואָס מיר האבען, ווען מיר זעהען דיא זאך לעבעדיג, אין דער ווירקליכקייט.

ווען מיר זעהען א זאך און דיא זאך מאכט אויף אונז א געוויסען איינדרוק־ קענען מיר זיך אליין סיין חשבון נים אָבגעבען, וועלכע איינצעלהייטען, וועלכע קליי־ ניגקייטען פון דער זאך האבען צוגעהאָלפען אין אונז צו מאכען דעם גאנצען איינדרוק בסך הכל; דער קינסטלער אבער בעזיצט דיא געטליכע קראפט דאס צו פיהגען און עס אויף זיין בילד גענוי איבערצוגעבען, אזוי אז דאס ביקד מאכט אויף אונז פונקט דעם זעלבען איינדרוק וויא דיא לעבעדיגע זאך. אין דיעזע וואונדערליכע קונסט פון דעם קינסטלער קוויקט אונז; דיא „אבנאררונג“ וואס דאס בילד גיט אונז — דאס וואס מאכט אונז כמעט פערגעסען, אז דאס איז נים מעהר וויא נאָכגעמאכט — דאָס ברענגט אונז אזא גרויסארטיגען הויכען עסטעטישען פערגניגען. וואָס גרעסער דער קינסטלער איז, אלץ מעהר פערשטייט ער אריינצוליינען אין זיין קונסט ווערק אזעלכע עדעלע פיינע שטריכען, וואָס מאכען אונז אם שטארקסטען האבען דערפון א׳ן עהנליכען איינדרוק וויא פון דער ווירקליכקייט, און וואס שטארקער דיא עהנליכקייט, וואס גרינדליכער דאס „נאררט“ אונז, אלץ זיסער, אלס מחיה׳דיגער איז דער עס־ טהעטישער תענוג וואס דאס גיט אונז; — א חוץ וואס דער קינסטלער מאלט אָדער שניצט אזעלכע זאכען, וואס מאכען שוין אליין, אין אָריגינאל, אויף אונז אויך א טיעפען איינדרוק איז נאך גהעסער, ווען ער ווערט געשטארקט דורך דעם איינדרוק פון דיא קונסט.

און פונקט דאס זעלבע איז אויך מיט דיא קונסט, וואס מאָלט בילדער מ י ט װ ע ר ט ע ר, — דיא בעלעטריסטיק, דיא שיינע שרייבעריי, — און נאך מעהר, ווען דיעזע מאלער קונסט מיט ווערטער ווערט נאך פעראייניגט מיט דיא ש ו י ש פ י ע־ ל ע ר ק ו נ ס ט, וועלכע שטעלט אונז א ו י ף ד ע ר ב י ה נ ע פאָר דאס קינסטליך געמאלטע בילד, א גאנצע רייהע פון בילדער, א גאנצע געשיכטע, פון דעם שרייבער קינסטלער, ד ו ר ך ל ע ב ע ד י ג ע מ ע נ ש ע׳, וועלכע מאכען נאך דאס לעבען פינקט־ ליך, אקוראט, טרעפען צו מיט יעדען וואָרט, מיט יעדען טאָן, מיט יעדען ריהר, מיט

יעדען קעהר נענר וויא עס פאסט זיך, וויא עס איז אין לעבען! דיא פינקטליכקייט, דיא הארמאָניע, דאס ריכטינע צו טרעפען אויפ'ן האָר פון דעם קינסטלער־אקטיאָר דיא „אָבנאַררונג" וואס מיר האבען דערביי אזוי גרינדליך, פיהלענדיג אז דאס איז אזוי וויא עס וואָלט געווען ווירקליך — ניט אונז א וואונדערליכען שיינהייטס גענוס — א חוץ דעם א י נ ה א ל ט פון דער דראמא וואס ווערט געשפיעלט — און דיזער תענוג הייבט דעם מענשען פשוט אויף ביז'ן הימעל.

דאס וואס איך האב דאָ געזאָגט איז נאטירליך וויא א טראָפען אין ים פון דעם וואס עס איז דאָ צו רעדען וועגען דיעזען הויך וויכטיגען ענין; איך האב דאָ קוים עטוואס, אויבערפלעכליך אנגעריהרט דעם א ל ג ע מ י י נ ע ם גרונד פון דער זאַך; מיליאָנען מאָל מעהר איז דאָ צו רעדען וועגען דיא הונדערטע פערשידענע א י נ ־ צ ע ל ה י י ט ע ן פון דעם אלעם. אבער ווען א מענש האט א געלעגענהייט צו האבען א סך ו ו י ר ק ל י ך הויכען עסטעטישען תענוג אין אלע שיינע קונסטען, ווערט זיין געשמאק אליין אזוי פיין ענטוויקעלט, אז ער פיהלט אליין דיא איידעלסטע קליינינ־קייט פון דיעזע קונסטען בעסער וויא מען וואָלט איהם געקענט ערקלערען מיט טויזענד ביכער.

וועגען דעם פערגעניגען וואס מען האט ספעציעל פון טהעאטער שרייבט חוץ דעם נאָך דער גרויסער בעוואוסטער דראמאטישער קריטיקער א ו י ג ו ס ט ו ו י ל ־ ה ע ל ם פ אָ ן ש ל ע נ ע ל, אין זיין בוך „פאָרטרעגע איבער דראמאטישע קונסט און ג'יטעראטור", דאס פאָלגענדע:

— „טהוען (טהעטינקייט) איז דאס אמת'ע פערגניגען פון לעבען, ניין, נאָך מעהר, דאס לעבען אליין. ווען מען האט נאָר פאסיוועס פערגניגען קען מען ווערען איינגעשלעפערט אין א צושטאנד פון געפיהללאָזע גלייכגילטיגקייט, און אפילו דאן בלייבט נאך אין אונז אזוי פיעל געפיהל, אז דאס לעבען ווערט אונז פערמיאוסט — אויך ביי אונז איז נאר דאָ וויינינסטענס וועלכע איננערליכע טהעטינקייט אין דער נשמה וואס רייסט זיך ארויס. דער גרויסער רוב־טהייל פון אלע מענשען לעבט אימער אריינגעקוועטשט אין א'ן ענגען צירקעל פון זעהר ניט וויכטיגע קליינליכע טהעטינ־קייט, ווייל ערשטענס פאָדערט דאס זייער צושטאנד, צווייטענס האבען זיי אין זיך ניט דיא פעהינקייט צו עפּעס א ניט פראָסטע אנשטרענגונג. זייערע יאהרען א'ן טעג לויפען דעריבער פארביי איינע נאך דיא אנדערע אין דעם פערש־אָבענעם וועג פון געוואוינהייט זייער לעבען גייט אוועק א'ן אונבעוואוסטען גאנג און דער רייסענדער שטראָם פון דיא ערשטע ליידענשאפטען פון דיא יונגע יאָהרען ווערט געשווינד גע־שטילט און עס ווערט פון איהם א שטילשטייענדער זומפּף. און פון דיא אונצופרי־

רענהייט פון אזא פערפּרווירען לעבען אָהן א טעם און אהן א ריח מוזען זיי נאטרונגען ווערען צו אלערליי סאָרטען צערשטרייאונג, דורך אָנמאכען זיך אין געפיהל עפּעס א לעבעדינקייט, עפּעס א קאמפּף מיט שווער־נקייטען, אָבער אזעלכען, פון וועלכען זיי זאָלען צו יעדע מינוט ווען זיי ווילען זיך קענען ארויסדרייהען. אבער פון אלע צושטריי־אונגען איז טהעאטער אָהן שום ספק דיא אינטערעסאנטסטע. אין טהעאטער זעהען מיר אַנדערע מענשען טהעטיג זיין אפילו ווען מיר אליין קענען ניט האבען קיין שום וויכטיגע טהעטינקייט. דער העכסטער צוועק פון דיא מענשליכע טהעטינקייט איז דער מענש אליין, און אין טהעאטער שפּיעל זעהען מיר מענשען מעסטען זיך מיט זייערע גייסטיגע און מאָראלישע קרעפטען איינע נעגען דיא אנדערע, דאָ אלס פריינד דאָ אלס שונאים, ווירקענדיג איינע אויף דיא אנדערע מיט זייערע מיינונגען, געפיהלע און ליידענשאפטען און יעדער פון זיי בעשטימטענדיג דורך זיינע ווירקונגען דעם אנ־דערנס שיקזאל און פּאַסירונגען. (דאָס הייסט, אזעלכעס ווערט פאָרגעשטעלט אזוי נענוי אז מען פערגעסט נאָר דאָס עס איז ניט מעהר וויא פאָרגעשטעלט)".

דאס, זאגט ש ל ע נ ע ל ווייטער, ציהט אריין דעם צוקוקער, אזוי וויא ער וואָלט אין דעם אליין מיטגעלעבט. דער דראמאטישע קינסטלער שיילט אראָפּ פון לעבען דאס פערשלאָפענע, דאס גלייכגילטיגע, דאס אונוויכטיגע, ער קלייבט אויס נאָר וויכטיגעס, וועלכעס נעהמט דיא צוקוקערס און פילט זיי אָן מיט ערהאבענערע אויפמערקזאמקייט און ערווארטונג. ער גיט אונז אויף אזא אופן א קאָנדענסירטע פּאָרציע פון העכסטען, אינטערעסאנטען עסענץ פון לעבען און רייסט אונז מיט אין דעם. אין דעם מאָמענט אלזאָ, ווען מיר זיינען אין טהעאטער, לעבען מיר דורך צו זאמען מיט דיא מענשען, וואס ווערען פאָרגעשטעלט אויף דער ביהנע, א העכערען, ערדעלערען, ערהאבענערן, אום זאָ צו זאָגען „לעבעדינגערן" מין לעבען. און דער גע־פיהל, וואָס דערמאָנט אונז, אז דאס איז אזוי פיין, פינקטליך, הארמאָניש נ אָ כ־נ ע מ א כ ט, גיט אונז דעם העכסטען עסטעטישען תענוג.

און צו וואס עס טויג אזא הימלישער פערגניגען ? ערשטענס טאקי אז דאס לעבען זאָל האבען א טעם ; מען לעבט ניט מעהר וויא איין מאָל...... צווייטענס, ווייל, וויא געזאָגט, אזא מין תענוג איז דיא בריק וואס פיהרט אריבער דעם מענשען פון בהמה׳שקייט צו הויכע, מאָראלישע און פערשטענדיגע מענשליכקייט.

לויט דיא געדאנקען פון דעם גרויסען דייטשען דיכטער ש י ל ל ע ר קען מען דאס ערקלערען אויף אזא אופן : דער מענש האט, אום זאָ צו זאָגען, דריי־ערליי „נשמות" (בדרך משל גערעדט) : א ניעדעריגע, א מיטעלע און א העכסטע ; א בהמה׳שע, א מענשליכע און א „געטליכע". דיא אונטערשטע נשמה האט פערגניגען

פון אנגענעהמעס, דיא מיטעלסטע פון שיינעס, דיא העכסטע פון גוטעס; אנגענעהמ־קייט געניסט מען דורך׳ן חומר (מאטעריע) שיינקייט דורך דיא פארמע פון חומר, נוטסקייט — דורך דעם בלויזען שכל. דאס אנגענעהמע מאכט בלויז פער־גניגען דיא חושים, דאס שיינע מאכט פערגניגען דורך דיא פארם דעם שכל, דאס נוטזע דירעקט דעם שכל. ווענן דאס גוטע טראכט מען, דאס שיינע בע־טראכט מען, דאס אנגענעהמע פיהלט מען מיט׳ן בלויזען קערפער.

אויף נאר א ניעדעריגע שטופע לעבט דער מענש מיט דיא בלויזע ניעדעריגע נשמה. זיין גענוס אין לעבען בעשטייט נאר אין דעם וואס עס ריהרט אן דעם חומר פון זיין גוף, וואס הייבט ניט אן אנצוריהרען אדער אויפצו-וועקען זיין בעטראכטונגס־קראפט און נאך פיעל וויינינער זיין טראכטונגס-קראפט. אפילו דער בגומרשט „שיינהייטס"-פערגניגען פון אזא גראבען מענש, איז אויך פון אזא גראבע „שיינהייט", וואס גיט עפעס א ריס אין דיא אויגען; אפילו ווען ער גייט אין טהעאטער האט ער נאר פערגניגען פון גראבע זאכען, וואס קיצלען דעם גראבען חומר, וואס מאכען שטוינען, וויא א גולם, וואס ויעקען אויף שרעק, גראבע דומע בעוואונדערונג דורך אונגעוויינליכעס, אוננאטירליכעס.

דער ערשטער שריט ארויס פון דיעזען ניעדעריגען זומפף, איז דער עדלער גע־שמאק און גענוס פון אמת׳ע הויכע שיינהייט — דיא עסטעטיק. ווען ביי דעם מענש ווערט ענטוויקעלט דער געשמאק צו האבען הנאה פון גראציעזע פארמען, פון נעטויע פינקטליכקייט הארמאניע, פון „צוגעפאסטקייט", ווערט ער שוין נאר „אויס־געבענשעלט".

„דער עסטעטישער געשמאק", זאגט שיללער, „מאכט שוין דעם מענשען ליעב האבען א מאס און א׳ן ארדנונג אין יעדע זאך, פארערט מעססיגונג און אנשטענדיג־קייט; ער פער׳מיאוסט אלץ וואס איז רויה, עקקיג, הארט און געוואלטזאם און נייגט זיך צו אלעס וואס לאזט זיך זאנפט אריינשטעלען אין הארמאנישע ארדנונג......
דער עסטעטישער געשמאק פערטרייבט דעריבער פון מענשענס נשמה אלע נשמיות׳־דיגע נייגונגען און רויהע תאווה, וועלכע שטעלען זיך אפט מיט אזא שטורם און עקשנות געגען גוטסקייט און ארענטליכקייט און פערשטענדיגקייט, און ער פלאנצט אויף זייער ארט איין עדלערע און זאנפטערע נייגונגען, וועלכע האבען צו טהוען מיט ארדנונג, הארמאניע און פאלקאמענהייט...... ווען ביי אזא מענש עפענט אויף דיא שטורמישע תאווה איהר מויל, ווערט זיא שוין צוריקגעהאלטען פון דעם בעגריף פון שיינהייט.... און ווען דער פערשטאנד עפענט יעצט אויף זיין מויל, געפינט ער שוין

ניט בלויז קיין שטערונג ניט ביי דער נייגונג, נאר אדרבה לעבהאפטע צר שטיממונג".

אזוי זאגט שילער, און ער שטעלט דעריבער (אויף א'ן אנדער אָרט אין זיינע שריפטען) אוועק דעם כלל, אז „עס איז ניטאָ קיין אנדערן וועג וויא צו מאכען דעם בהמה'שען מגושם'דיגען מענשען פערנינפטיג, סיידען מען זאָל איהם פריהער מאכען עסטהעטיש" (דאס הייסט מען זאָל אויפוועקען אין איהם דעם געשמאק צו פיהלען דעם טעם פון אלערליי מינים אמת'ע הויכע שיינהייט).

און דיעזער געשמאס ווערט ענטוויקעלט דורך אלע מינים שיינהייטען, פון אלערליי אויבען דערמאָנטע שיינע קונסטען, אבער מעהר וויא אלץ — דורך די דראמאטישע קונסט, דורך טהעאטער.

„דאָס טהעאטער" — זאָגט דער אבען דערמאָנטער פאָן שלעגעל „דאס טהעאטער, וואו פיעלע קונסטען זיינען צוזאמענגעבונדען ארויסצוברענגען א בעצויבערנ־רען איינדרוק; וואו די גרויסארטיגסטע און גרינדליכסטע פאָעזיע ווערט פערטייטשט דורך די פאָלקאָמענסטע טהעאטינקייט (פון די אקטיאָרען) דורך שיין־רעדנער־קונסט צוזאמען מיט שיינע קינסטליכע בעוועגונגען פון דעם קערפער; וואו די שיינע בוי־קונסט (ארכיטעקטור) ניט צושטייער צום פערגניגען איהרע הערליכע פערצירונגען און די מאלער קונסט איהרע בעצויבערנדע פאָרשטעלונגען, און מוזיק ווערט גערופען צו הילף, אויפצוהייבען די איידעלע געפיהלע נאך העבער...... קורץ, דאס טהעאַטער, וואו די גאנצע קינסטליכע ציוויליזאציאָן פון א פאָלק, די פרוכט פון הונדערטע יאהרען ענטוויקלונג, ווערט צוזאמענגעבראכט אין א פאָרשטעללונג פון עטליכע שטונדען, האט אין אויסערגעוויינליכע קראַפט צו געבען פערגניגען און ענטוויקלונג יעדען סאָרט מענשען.... אלע פיהלען זיך דערביי בעלוסטיגט, אויפגעהייטערט, אלע פיהלען זיך דערביי אויפגעהויבען איבער די טעגליכע זאָרגען, איבער די פערדרייהע־ניסען און טרויערינקייטען פון לעבען".

* * *

און דעם אלעם איז נאך כמעט גאר ניט גערעדט וועגען דעם איינהאלט פון דעם וואָס עס ווערט אין טהעאטער פאָרגעשטעלט, — וועגען די פערשיע־דענע זייטען פון די קונסט פון דעם דראמאטישען פערפאסער און די עסטעטישע און די מאָראלישע ווירקונג פון יעדע זייט בעזונדער אויף די צר זעהער.

וואָס דארף א טהעאטער־שטיק זיין, אז עס זאָל הייסען גוט? און וואָס בע־שטייען די פיעלע פערשיעדענע איינצעלנע מינים גוטסקייטען אין דעם, וואָס געבען

אי הויכען פערגניגען, אי אויסעדלונג פון דיא געפיהלע, דעם געשמאק און דאס הארץ? ניט אבי וואס מען פאטשקעט אן איז דראמאטישע קונסט און מאכט דיא ווירקונג, פון וועלכע איך האב דא גערעדט!

אויך איז דא גאר ניט געזאגט וועגען דעם, וואס אמת'ע שוישפיעלער־קונסט פאדערט פון דעם אקטיאר. מען קען דאס אלעס אין איין ארטיקעל ניט ערקלערען, דאס זיינען בעזונדערע ענינים. דיא אויפגאבע פון דיעזען ארטיקעל איז נאר געווען צו רעדען וועגען דיא זאך אין אללגעמייינען.

איין זאך מוז איך וועגען דעם יא בעמערקען — און מיט דעם צוריקקומען צו דעם וואס איך האב שוין אויבען געזאגט — : אויב דאס טהעאטער זאל דאס אויפטאהן, וואס איך האב דא געזאגט, מוזען ביידע, אי דיא פערפאסערס אי דיא אקטיארען, אבהיטען אט דיעזע טייערע לעהרען פון דעם גרויסען לעססינג (אין „האמבורגער דראמאטורגיע“):

„דער גוטער פערפאסער, מעג ער זיין פון וועלכען מין עס איז, ווען ער שרייבט נאר ניט בלויז צו ווייזען דיא וועלט זיינע גבורות, מוז האבען אין זיננען דיא געבילדעטסטע און בעסטע פון זיין צייט אין זיין לאנד, און נאר וואס עס קען זיי געפעללען, וואס עס קען זיי ריהרען, זאל ער האלטען פאר ווירדיג צו שרייבען. און דער ארענט־ליכער דראמאטישער פערפאסער, ווען ער לאזט זיך אפילו אראב צום פראסטען המון־עם, טהוט ער דאס נאר אום איהם צו בעלייכטען און אויסצובעסערען, אבער ניט אום אין איהם נאך שטארקער צו מאכען זיינע פאלשע בעגריפע און אונעדלע ארט דענקען“.

און וועגען דיא אקטיארען זאגט ער (אויף א'ן אנדער ארט):

„עס קען לייכט זיין, אז ווען דער שוישפיעלער וועט זיך איינהאלטען (פון מאכען געוואלדען און געשרייען) אפילו ווען ער איז אין דיא ראלע פון דיא שטארקסטע ליידענשאפטען און אקטען רוהיג און פינקטליך, וויא דיא קונסט פאדערט פון איהם, וועט ער זיך ניט פיהלען אנגענעהם ווען ער וועט זעהען, וויא שוואך מען וועט איהם דאדורך צופאטשען בראווא. אבער ווער וועט איהם דעריבער שוואך אפלאדירען? א ודאי, דיא גאלעריע איז א גרויסער ליעבהאבער פון ליארמען און געוואלדען, און זעלטען וועט זיא דורך־לאזען ניט צו ענטפערן מיט שטורמיגע פאטשרייען מיט דיא הענד אויף שטארקע לונגען. אויך דאס פארטער (דיא וואס זיצען אונטען) האט נאך א רעכטע ביסעל פון דיעזען געשמאק, און עס זיינען דא אקטיארען, וועלכע זיינען גענוג כיטרע, אז זיי וויסען וויא צו ציהען נוצען פון דיעזען געשמאק. דער שלעפעריגסטער אקטיאר נעהמט צוזאמען אלע זיינע כוחות ווען ער האלט שוין ביי'ן

סיף סצענע. ווען ער וועט שוין באלד אראבנייז, ער הייבט מיט איין מאל אויף זיין שטיממע און צו קאכט זיך, ניט־קוקענדיג וואס דאס פאסט זיך צו זיין ראלע וויא א פאטש צו גוט שבת. וואס גייט דאס איהם אן? נענוג איז, אז מיט זיין ליארם מאכט ער דעם עולם אויפמערקזאם, מען זאל איהם נאכפאטשען ווען ער וועט אראבגיין. נאכפייפען וואלט מען איהם גיכער געדארפט! אבער געוויינליך איז דער עולם ניט קיין קעננער נענוג, אדער צו גוט־הערציג און נעהמט אן דעם אקטיארס גוטען ווילען געפעללען צו ווערען אזוי וויא ער וואלט דאס טאקי פערדיענט".

דיעזע גאלדענע ווערטער פון דעם גרויסען קלאסיקער גייען אויף דעם גאנצען שפיעלען אויף. „ווען, זאגט שלעגעל, דיא אקטיארען און דאס פובליקום פעראכטען זיך איינע דיא אנדערע (למשל ווען דיא האלטען יענע פאר „משה׳ס" און יענע דיא פאר פורים־שפיעלערס......), ווערט דיא קונסט אזוי טיעף אראבגעזונקען, אז עס ווערט פון איהר ניט מעהר וויא א גראבער, געמיינער צייט־פערטרייב"....

נענען אזא מין טהעאטער זיינען דיא אלט וועלטיגע פרומאקעס טויזענד מאל מעהר גערעכט, וויא דיא היינט־וועלטיגע פראסטאקעס!

ב. פייגענבוים.

— דיא —

# אימיגראנטען

— פון —

## לעאן קאברין

דיעזער ראָמאַן פון דעם בעוואוסטען אידישען שריפטשטעלער און דראַמאַטורג לעאָן קאָברין איז איין אמתער פּערל אין דער אידישער ליטעראַטור. אין איהם ווערט געשילדערט מיט ברענענדיגע פאַרבען דאָס לעבען פון די אידישע אימיגראַנטען אין אַמעריקאַ, דער שווערער שטרייט, וואָס די אימיגראַנטען האָבען צו פיהרען אין דיעזער לאַנד פאַר זייער עקזיסטענץ. דאַן פיהרט דער פערפאַסער פאַר אונז ארויס אין דיזען ווערק אַ גאַנצע גאַלערעע פון טיפּען און כאַראַקטערע, פון'ם לעבען אין אונזער אידישען קוואַרטאַל.

אויך ווירד דאָרט געשילדערט ציוניסטען, אידישע אַסימי־ליאַטאָרס, סאָציאַליסטען, אַנאַרכיסטען און אַזוי ווייטער. אויסער דעם איז דער ראָמאַן אַליין זעהר אַנ'אינטערעסאַנטער די לעזער וואָס ווילען זיך בעקענען מיט דער אידישער נאַציאָנאַלער פראַגע און מיט דער אידישער לאַגע בכלל, דאַרפען לעזען

### „די אימיגראנטען“

און די וואָס זוכען אין אַ ראָמאַן אַנ'אינטערעסאַנטע האַנד־לונג, אויפרעגענדע סצענען, וועלען דאָס אַלעס געפינען אין דיזען ווערק פון לעאָן קאָברין.

---

## פרייז 30 סענט.

צו בעקומען ביי אלע בוכהענדלער, ווי אויך ביי די פערלעגער:

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

83-85-87 Canal Street, New York.